# Living Torah

# חג הפסח

## בס"ד. משיחת יו"ד שבט ה'תשמ"ז

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

וואָס דערציילט אונז אָט דער סיפור [דיציאת מצרים]? וכמדובר דאַרף זיין אַ "תורה אור" – אַ ליכטיקע הוראה, אַז "בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו", "למקטנם ועד גדולם", זעען אָט די הוראה,

דערציילט אונז דער סיפור, אַז ס'איז געווען אַ מעמד ומצב וואָס אידן האָבן זיך געפונען אין אַ מצב של עבדות, ביז אַן עבדות פון פיר דורות, "דור רביעי ישובו הנה", העכער צוויי הונדערט יאָר, צוויי הונדערט און צען יאָר,

און דער וואָס איז געווען דעמאָלט בראשם פון די וואָס האָט דורכגעפירט דער "ועבדום וענו אותם" בפועל – איז דאָס געווען פרעה מלך מצרים,

און אַז מ'האָט אים געזאָגט, אַז דאָס איז היפך הצדק און היפך היושר, און דאָס איז היפך ווי דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט – האָט ער גלייך געענטפערט: ער ווייס ניט פון דעם אויבערשטן "ואת ישראל לא אשלח".

בשעת ס'איז אָבער געקומען אָט-דער זמן, במילא איז געקומען אויך אָט די מאורעות פון דעם סיפור פון היינטיקער סדרה; וואָס שטייט דאָרטן דערציילט, און אין אַ ליכטיקן און אַ קלאָרן אופן? – אַז בשעת ס'איז געקומען די צייט, אַז פרעה אָט געדאַרפט דורכפירן אַן ענין ניט פון "ועבדום וענו אותם" נאָר אַן ענין הפכי – איז אָט דעמאָלט איז ניט נאָר אַז פרעה האָט ניט געשטערט דעם אַרויסגיין פון אידן פון עבדות און גיין מקבל זיין תורה – נאָר ס'איז געווען "בשלח פרעה את העם",

וואָס דער פירוש הפשוט אין פשוט של מקרא, און אויך לויט אַלע מדרשי חז"ל, איז, אַז פרעה האָט מיטגעהאָלפן אין דעם אַרויסגיין פון מצרים – וויבאַלד אַז דעמאָלט איז געקומען די צייט ווען דאָס איז געוואָרן זיין שליחות, דער ציווי צו אים,

און וואָס נאָך מערער, אַז ער האָט זיי נאָך אויך מיטגעהאָלפן, אויך מיט זיינע נכסים, מיט זיין בקר וצאן, אַז זיי זאָלן אויך מיטנעמען, [ווי ער דערציילט אויך אין די פסוקים שלפני זה, וואָס דער תכלית השלימות אין דערויף איז געוואָרן און אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין אַ קלאָרן אופן אין דעם פסוק פון "בשלח פרעה את העם"].

גלייך נאָך דערויף ווערט דערציילט "ולא נחם אלקים דרך ארץ פלישתים, פן ינחם העם בראותם מלחמה ושבו מצרימה", איז דערפאַר האָט דער אויבערשטער געשיקט אויף אַן אַנדער וועג.

וואָס אָט דאָ האָט מען – – אין תורה איז "מכלל הן אתה שומע לאו ומכלל לאו אתה שומע הן": וויבאַלד אַז דער אויבערשטער האָט זיי ניט געפירט "דרך ארץ פלישתים", "פן ינחם העם" – איז דאָס גופא אַ הוכחה, אַז די וועג וואָס ער האָט זיי יאָ געפירט, איז אָט דאָס איז די וועג וואָס ס'איז אַ זיכערע זאַך, אויב זיי וועלן נאָר ניט וועלן טאָן מצד זייער בחירה, אויסניצן די בחירה שלא לטוב – איז אַ זיכערע זאַך, אַז זיי וועלן קענען דורכפירן דעם גיין מיט דער גאַנצער אריכות ההליכה והנסיעות, און דורכפירן דעם



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# חג הפסח

אויבערשטנ׳ס ציווי.

במילא ווערט דאָס גלייך אַ ליכטיקע הוראה לכל אחד ואחת, אַז וויבאַלד אַז ער ווייס אַז ס׳שטייט אין שלחן-ערוך, אין דעם אויבערשטנ׳ס תורה, אַז ער דאַרף טאָן אַ מצוה מסויימה אין דעם זמן און אין דעם מקום – איז דאָס אַ זיכערע זאַך אַז מבקש מערניט ווי "לפי כוחו", וואָרום אויב דאָס וואָלט געווען ניט לפי כוחו – איז אָט דעמאָלט וואָלט אים דער אויבערשטער ניט געלאָזט גיין און אַוועקגעשטעלט אין אַזאַ מעמד ומצב וואָס ס׳איז "בראותם מלחמה" איז "ושבו מצרימה". ניט פאָלגן דעם אויבערשטן, וואָס "לא תשוב מצרימה".

איז אָט דאָס גופא וואָס ער זעט אין "תורת חיים", אַז ער דאַרף דורכפירן אַ מצוה, צי דאָס איז אַ מצות עשה צי דאָס איז אַ מצות לא-תעשה, צי מיט זיך צי "ואהבת לרעך כמוך" מיט אַ צווייטן אידן, אָדער נאָכמערער, אַז ער דאַרף דאָס דורכפירן מיט בני-נח, מיט די וואָס געפינען זיך אַרום אים אין דער וועלט, ביז אין קצוי תבל; אויב נאָר ער קען אַהינצו דערגרייכן איז אויף אים חל דער ציווי, אַז ער זאָל טאָן וואָס ס׳הענגט אָפּ אָן אים אויף דאָרטן דערגרייכן, און מאַכן דאָרט, אַז דאָרט זאָל זיין "לשבת יצרה".

וואָס אָט דאָס ווערט די הוראה בחיים הפרטיים של כל אחד ואחת, וואָס יעדער איד האָט דאָך באַקומען בירושה, "מורשה קהלת יעקב", די גאַנצע תורה וכל הציוויים וההוראות שבה, על אחת כמה וכמה די וואָס זיי זיינען פאַרבונדן מיט פרשת השבוע, און נאָך ראש הפרשה, כאמור לעיל,

אַז צום אַלעם ערשטן, אַז אויב ער טראַכט-איבער: ווי אַזוי וועט ער קענען דורכפירן די שליחות, אַז די וועלט וועט זיך שטעלן אַנטקעגן אים, אָנהויבנדיק פון פרעה מלך מצרים – זאָל ער וויסן זיין, אַז דאָס איז אַ זאַך וואָס ס׳קען ניט זיין במציאות; דעמאָלט וואָלט מען אים ניט געגעבן די שליחות, וואָרום "אינו מבקש אלא לפי כוחו".

און אַז ער הויבט אָן טענה׳ן, אַז ער מצד זיך איז נאָך ניט פאַרטיק, און ער דאַרף זיך מיישב זיין און גיין זיך נאָכפרעגן וכו׳ וכו׳ –

זאָגט מען אים: מ׳האָט שוין פאַר דיר אַלץ אָפּגעטאָן און אַלץ צוגעגרייט און "עמדו הכן כולכם", וואָס אויב ס׳וואָלט געווען אַ ספק, אַז "ינחם העם", און ניט מקיים זיין דעם אויבערשטנ׳ס ציווי – וואָלט מען דיר מלכתחילה ניט געפירט אין דעם וועג, וואָרום "מה׳ מצעדי גבר כוננו", בלשון פון דעם בעל ההילולא: אַז מ׳גייט, איז ניט מ׳גייט אַליין, נאָר "מה׳ מצעדי גבר כוננו" – ער גייט אין דעם אָרט וואו ער דאַרף דורכפירן די שליחות, במילא איז אַ זיכערע זאַך, אַז ער האָט אַלע מעגלעכקייטן אויף דורכפירן די שליחות.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.